**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עקליפס געשעענישן און אקטיוויטעטן ביי ניו יארק סטעיט פארקס**

***אין די טעג איידער אפריל 8, וועלן איינהייטן ארום די סטעיט לאדענען באזוכער צו לערנען איבער די עקליפס און וועגן צו בלייבן פארזיכערט ווען מען האלט עס מיט***

***פארשידענע מיטהאלטונג געשעענישן וועלן פארקומען אינערווייניג אין און אינדרויסן פון די וועג פון טאטיליטעט אויף אפריל 8***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער וועלן אפהאלטן א סעריע געשעענישן און אקטיוויטעטן צו פייערן די זעלטענע טאטאלע סאולער עקליפס וואס גייט אדורך מערב ניו יארק, די פינגער לעיקס, און די אדיראנדאקס אויף אפריל 8, 2024. די אויסנאמע געשעעניש קומט פאר איינמאל און 400 יאר אינעם זעלבן ארט. געשעענישן וועלן פארקומען סיי וואו מען קען גענצליך מיטהאלטן די עקליפס אריבער א שמאלע וועג, וואס ווערט אנגערופן די וועג פון טאטאליטעט, און וואו באזוכער קענען מיטהאלטן א זעלטענע טיילווייזע עקליפס אין די גאנצע רעשטע פונעם סטעיט.

"אינעם צייט וואס מיר גרייטן זיך צו אויפנעמען די פובליק ביי אונזערע הערליכע סטעיט פארקס פאר די טאטאלע סאולער עקליפס אין ניו יארק סטעיט, שטעלן מיר אויך צו צענדליגע געשעענישן און אקטיוויטעטן וואס פירן צו די אויסערגעווענליכע פאסירונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער הויפט פריאריטעט איז צו פארזיכערן אז ניו יארקער און באזוכער קענען זיכערערהייט מיטהאלטן די איינמאל-אין-לעבן סצענע, און איך מוטיג אלעמען צו נעמען זיכערהייט אין באטראכט אזוי אז אלע זאלן קענען געניסן פון דעם איבערלעבעניש אין אונזער סטעיט."

אנגעהויבן דאנערשטאג, מערץ 7, וועלן געשעענישן ביי אסאך סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער דורכפירן אייגענע האנט-ארבעט פראיעקטן, ווי צום ביישפיל, אליינס בויען א קוקער וואו צו מיטהאלטן די עקליפס, ווי אויך צושטעלן עדיוקעישענאל פראגראמען דורכגעווייקט מיט היסטאריע און סאולער סיסטעם סייענס. אויף אפריל 8, זענען באשטימט מערערע עקליפס-מיטהאלטונג צוזאמנעמונגען, וואס שטעלן אפטמאל צו אקטיוויטעטן, געשפרעכן און פראגעס, עסן אדער איבערבייסן אינעם טעמע פון עקליפס, און פארטיילונג פון ברילן צו מיטהאלטן די סאולער געשעעניש צו פארמיידן ערנסטע וואונדן פונעם אויג. מענטשן וואס ווילן זיך איינשרייבן פאר די צענדליגע געשעענישן און אקטיוויטעטן וואס וועלן פארקומען אין ניו יארק סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער - סיי אויפ'ן טאג דערפון און סיי אין די טעג איידער די עקליפס - קענען דאס טון דורך ד OPRHP געשעעניש קאלענדער און עקליפס וועבזייטל.

די גאווערנער האט פריער אנאנסירט אז אנגעהויבן אפריל 4, 2024, וועלן סייענטיסטן, יעצטיגע טעמע עקספערטן און אסטראנאטן פון די נאציאנאלע לופט און ספעיס אדמיניסטראציע ( National Aeronautics and Space Administration, NASA) צושטעלן פראגראמען און אויסשטעלונגען ביי

נייעגרא פאלס סטעיט פארק און ווי אויך דורכאויס די סיטי ביי לאקאלע ארייגערעכענענדיג די נייעגרא פאלס פובליק לייבעריס, די אונטערערדישע רעילראוד העריטעדזש צענטער, די אקוואריום פון נייעגרא, די ניו יארק פאוער אויטאריטעט וויסטא, די נייעגרא פאלס קולינערי אינסטיטוט. אלע געשעענישן וועלן זיין אומזיסט און אפן פאר די פובליקום (רעזערוואציעס וועלן מעגליך פארלאנגט ווערן, געוואנדן אויף וויפיל פלאץ עס וועט זיין) דורכאויס די גאנצע סוף וואך בעפאר די אפריל 8 געשעעניש. NASA וועט אפהאלטן ענליכע געשעענישן אין עטליכע אנדערע שטעט אריבער די שטרייף פון לאנד וואו די ליקוי חמה וועט זיין פולשטענדיג. מען קען געפונען א פולע ליסטע פון געשעענישן ביי די [2024 סאולער עקליפס | נייעגרא פאלס USA]() וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט צייטווייליגע פארקס קאמישאנער רענדי סימאנס האט געזאגט,** "אין ערווארטונג פון די דערהויבענע אויסנאמע סצענע אויף אפריל 8, איז ניו יארק סטעיט פארקס שטאלץ צו צושטעלן א ברייטע אויסוואל פון געשעענישן און אקטיוויטעטן פאר מענטשן זיך צו לערנען איבער דעם טאטאלע סאולער עקליפס. אונזערע ענווייראמענטאלע עדיוקעיטערס און פארק איינגעשטעלטע זענען גרייט צו אויפנעמען באזוכער פאר נאנט און פון ווייט, און צו פארזיכערן אז די איבערלעבעניש איז סיי פארזיכערט און סיי צום געדענקען פאר יעדע יארגאנג."

**דירעקטאר פון NASA'ס קענעדי ספעיס צענטער אין פלארידע דזשאנעט פעטרא האט געזאגט,** "NASA איז גאר צופרידן צו זיין אין א פלאץ אזוי מאכטפול ווי נייעגרא פאלס פאר די אויג-פארכאפנדע פאסירונג. אויסער זיין הערליך שיין מיטצוהאלטן, וועט די טאטאלע סאולער עקליפס אויך געבן פאר סייענטיסטן א זעלטענע געלעגנהייט צו שטודירן די זון'ס קאראנע, פארברייטערנדיג אונזער וויסנשאפט איבער די זון-ערד באציאונג און איר אפעקט אויף אונזער פלאנעט. איך האף איר וועט כאפן אייער עקליפס ברילן - און אפאר פריינט - און זיך באטייליגן מיט אונז פאר טייל פון די געשעענישן וואס מיר האבן אויספלאנירט אויף צו פייערן די אייגנארטיגע פאסירונג."

__**עקליפס אין ניו יארק סטעיט**__

דורכאויס די נאכמיטאג פון אפריל 8, וועט א טאטאלע עקליפס ארומנעמען די מערב און צפון טיילן פון ניו יארק סטעיט. אין וויניגער ווי 15 מינוט צווישען א 3:15 צו 3:30 פענסטער, די לבנה וועט אריבערגיין צווישען די ערד און זון, איבערדרייענדיג טאג צו נאכט פאר ½ 1 מינוט ביז ½ 3 מינוט. די ברערך'דיגע 100-מייל ברייט פעטה פון טאטועליטי וועט אריינגיין אינעם דרום-מערב'דיגע טייל פונעם סטעיט אביסל נאך 3:15 PM, און וועט פארלאזן צפון ניו יארק אביסל פאר 3:30. שטעט און דערפער אינמיטן די פעטה רעכענען אריין דשעימסטאון, באפעלאו, ראטשעסטער, סירעקוז, וואטערטאון, אלד פארדש, לעיק פלעסיד און פלעטסבורג. די גאנצע געשעעניש וועט געדױרען ביז ½ 2 שעה, רעכענענדיג די צייט די זון ווערט ערשט פארשטעלט ביז די לעצטע מאמענטען ווען די לבנה'ס שאטען ווערט געווארפן.

פאר אנדערע ערטער אינעם סטעיט וואס זענען אינדערויסן פונעם פעטה וועט נאך אלץ זיין א שטארקע הימעלישע ספעקטאקל. די וויניגסטע דעקונג פונעם זון אינעם סטעיט וועט זיין אויף לאנג איילענד, מיט די זון ווערנדיג פארשטאטענט דארט ביי 88 פראצענט. ניו יארק סיטי וועט זעהן 89 פראצענט דעקונג, מיט 96 פראצענט אינעם קאפיטאל ראיאן. די קומענדיגע פולשטענדיגע ליקוי חמה נאכדעם וואס וועט זיין זעהבאר פון די הויפט פאראייניגטע שטאטן טרוקעניש וועט נישט זיין ביז אוגוסט 2044.

__**פובליק זיכערהייט דורכאויס די עקליפס**__

אויסער פון די קורצע צייט ווען עס איז דא א טאטאלע סאולער עקליפס, ווען די זון פארשטעלט אינגאנצן די ליכטיגע געזיכט פון די זון, איז געפארפול צו קוקן דירעקט אויפ'ן זון אן ספעצעילע אויגן שיצער געמאכט צו קוקן אויפ'ן זון. לויט NASA וועט קוקן אויף סיי וועלכע חלק פון די זון דורך א קאמערא לענס, קוקערס אדער א טעלעסקאפ אן א ספעציעלע זון פילטער פארזיכערט פון די פארנט פאראורזאכן באלדיגע שווערע שאדן פאר די אויגן. די טיילווייזע שטאפלען פון די ליקוי חמה קענען נאר אנגעקוקט

ווערן דירעקט מיט ספעציעלע זוןברילן ("ליקוי ברילן") אדער דורך א קליינע זון קוקער. **איינפאכע זון ברילן, פּאָולערייזד אדער נישט, זענען נישט א זיכערע ערזעצונג פאר סאולער עקליפס ברילן.**

גאווערנער האקול מוטיגט שטארק אז עקליפס נאכפאלגער זאלן אנטיילנעמען אין די איינמאל-אין-לעבן געשעעניש זיכערהייט דורך:

- באשיצן אייערע אויגן מיט ספעציעלע ברילן געמאכט צו קוקן אויפ'ן זון
- איבערקוקן די טרעפיק איידער זיך ארויסלאזן אויפ'ן וועג צום געשעעניש וויבאלד א הויכע צאל באזוכער זענען ערווארטעט
- זיך גרייטן פאר די וועטער
- ברענגען אלעס וואס מען דארף און אכטונג געבן פון טיקס אויב מען גייט קעמפינג

פאר די לעצטע 17 מאנאטן, ארבעט אן אינטערעידשענסי טעסק פארס, וואס באשטייט פון איבער צוואנציג סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן, אויף פלענער צו פארזיכערען א זיכערע צוקוקער איבערלעבעניש צום געדענקען פאר ניו יארק סטעיט'ס איינוואוינער און באזוכער. עס איז פאקוסירט אויף בויען באקאנטשאפט איבערן סטעיט אלץ א הויפט לאקאציע צו איבערלעבן די עקליפס דורכן זאמלען וויכטיגער זיכערהייט און גרייטקייט אינפארמאציע, פארשטערקערן און שטיצן געגענט-ספעציפישע באטראכטן אקטיוויטעטן, און אויפהאלטן שטענדיגע קאמיוניקאציע מיט לאקאלע רעגירונגען און מוניציפיליטעטן, ספּיציעל די וואס געפינען זיך אינעם פעטה פון טאטעליטי. ניו יארק'ס פאבליק זיכערהייט באמיאונגען שטעלן זיך צאם מיט די סטעיט'ס געווענליכע יוריסדיקציאנאלע ראלע איבער סטעיט פארקס און סטעיט גאסן און שטיצט צו די לאקאלע רעגירונגען מיט זייערע פלענער און באשלוסן, לויט זייערע אייגענע קאודס, געזעצן און געברויכן אין די צייט וואס די פריילעכע געשעעניש קומט נענטער.

פאבליק סעפטי פראבלעמען פאר אזא געשעניש רעכנט אריין טרעפיק מענעדשמענט, קאמיוניקאציע פעיגקייט, און פאבליק געזונטהייט און סעיפטי. סטעיט, קאונטי און לאקאלע פאבליק סעפטי און עמערדשענסי מענעדשמענט באמיאונגען זענען געווען און גיין ווייטער זיין קאסטומיזירט צו די ערווארטערטע באדערפענישן פון אן איבערפלוס פון די וואס קומען אבזערווירן די עקליפס סיי פון אינעווייניג און סיי פון אינדערויסן די סטעיט.

**<u>געשעענישן ביי סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער אויף די וועג פון טאטאליטעט</u>**

**מערב ניו יארק**

**אלעגאני סטעיט פארק**
עקליפס צוקוקונג געשעעניש (מערערע פראגראמען)
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 10:00 אינדערפרי - 4:00 נאכמיטאג

**באפעלאו הארבאר סטעיט פארק**
טאטיליטעט אויף די צענטער ליניע
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 12:00 מיטאג - 4:30 נאכמיטאג

**נאקס פארם סטעיט פארק**
טייני טאטס - ספעיס אנטדעקער
דאנערשטאג, אפריל 4, 2024, 10:00 אינדערפרי - 11:00 אינדערפרי

**לעיק עריע סטעיט פארק**
עקליפס צוקוקונג און האנט-ארבעט
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 1:00 נאכמיטאג - 4:00 נאכמיטאג

**לאנג פאונט סטעיט פארק אויף לעיק טשאטאקווא**
עקליפס צוקוקונג און האנט-ארבעט
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 1:00 נאכמיטאג - 4:00 נאכמיטאג

**מידוועי סטעיט פארק**
עקליפס צוקוקונג געשעעניש
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 1:00 נאכמיטאג - 4:00 נאכמיטאג

**נייעגרא פאלס סטעיט פארק**
אליינס מאכן סאולער עקליפס קוקערס
דאנערשטאג, מערץ 7, 2024, 6:00 נאכמיטאג - 7:30 אוונט
שבת, מערץ 23, 2024, 3:30 נאכמיטאג - 5:00 נאכמיטאג

TSE פראגעס שפיל
פרייטאג, מערץ 8, 2024, 5:30 נאכמיטאג - 6:30 נאכמיטאג

ווען די עקליפס איז לעצט דא געווען
פרייטאג, מערץ 22, 2024, 5:30 נאכמיטאג - 6:30 נאכמיטאג

שפאציר ביי די וואסערפאלן
פרייטאג, אפריל 5, 2024, 1:00 נאכמיטאג - 2:30 נאכמיטאג
שבת, אפריל 6, 2024, 1:00 נאכמיטאג - 2:30 נאכמיטאג און 6:00 נאכמיטאג - 7:30 אוונט
זונטאג, אפריל 7, 2024, 1:00 נאכמיטאג - 2:30 נאכמיטאג און 6:00 נאכמיטאג - 7:30 אוונט

טאטאליטעט ביי די וואסערפאלן
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 10:00 אינדערפרי - 4:30 נאכמיטאג

**וואדלאון ביעטש סטעיט פארק**
שפרינגען אין די זון האנט-ארבעט
זונטאג, אפריל 7, 2024, 10:00 אינדערפרי - 11:00 אינדערפרי

**פינגער לעיקס און צענטראל ניו יארק**

**קאיוגע לעיק סטעיט פארק**
סאולער עקליפס
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 2:00 נאכמיטאג - 4:30 נאכמיטאג

**פעיר העיווען ביטש סטעיט פארק**
טאטאלע סאולער עקליפס (מערערע פראגראמען)
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 12:00 מיטאג - 4:30 נאכמיטאג

**גאנאנדעיגען סטעיט היסטארישע ארט**
Ëgä:hgwáhdö’t - עס וועט זיין אן עקליפס (מערערע פראגראמען)
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 12:00 מיטאג - 5:00 נאכמיטאג

**סעלקירק שארס סטעיט פארק**
עקליפס - ערד באזע II
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 12:00 מיטאג - 4:00 נאכמיטאג

**צפון קאנטרי / אדיראנדאקס**

**קראון פוינט סטעיט היסטארישע ארט**
עקליפס צוקוקונג
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 10:00 אינדערפרי -4:00 נאכמיטאג

**קאמבערלאנד בעי סטעיט פארק**
סאולער עקליפס מאנטאג
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 2:00 נאכמיטאג -4:30 נאכמיטאג

**וועלעסלי אײלענד סטעיט פארק**
טאטיליטעט אויף די וואסער
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 10:00 אינדערפרי - 5:00 נאכמיטאג

**גרעסערע קאפיטאל ראיאן/מזרח אדיראנדאקס**

**דזשאן בראון פארם**
דזשאן בראון פארם עקליפס צוקוקונג
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 10:00 אינדערפרי -4:00 נאכמיטאג

**<u>געשעענישן ביי סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער אינדרויסן פון די וועג פון טאטאליטעט (טיילווייזע עקליפס)</u>**

**גרעסערע קאפיטאל ראיאן/מזרח אדיראנדאקס**

**דזשאן באויד טהאטשער סטעיט פארק**
סאולער עקליפס: אקטיוויטעט שעה
שבת, מערץ 23, 2024, 1:30 נאכמיטאג - 2:30 נאכמיטאג

**הודסאן וואלי**

**קאנעטקוואט ריווער סטעיט פארק פרעזערוו**
סאולער עקליפס 101
פרייטאג, מערץ 8, 2024, 6:00 נאכמיטאג - 8:00 אוונט

פרוען אין ספעיס!
פרייטאג, מערץ 15, 2024, 6:00 נאכמיטאג - 8:00 אוונט

סאולער עקליפס היסטאריע
פרייטאג, מערץ 29, 2024, 6:00 נאכמיטאג - 8:00 אוונט

**סאנקען מעדאו סטעיט פארק (גאווערנאר אלפרעד אי. סמיטה)**
סאולער עקליפס 101
זונטאג, מערץ 24, 2024, 10:00 אינדערפרי - 11:30 אינדערפרי

טייני טאטס פראגראמען: מיסטער גאלדענע זון
דאנערשטאג, מערץ 28, 2024, 10:30 אינדערפרי - 11:30 אינדערפרי

סאולער עקליפס היסטאריע פאמיליע פראגראם
פרייטאג, מערץ 29, 2024, 6:00 נאכמיטאג - 8:00 אוונט

**האדסאן וואלי / קעטסקילס**

**ביער מאונטעין סטעיט פארק**
עקליפס צוקוקונג ביי ביער מאונטעין
מאנטאג, אפריל 8, 2024, 2:00 נאכמיטאג - 4:00 נאכמיטאג

**מינעוואסקא סטעיט פארק**
גרייט זיך פאר די עקליפס! מאכט-אייער-אייגענע עקליפס קוקער ביי סעם'ס פאונט
מיטוואך, מערץ 27, 2024, 10:00 אינדערפרי - 12:30 מיטאג
מינעוואסקא סטעיט פארק פרעזערוו: סעם'ס פאונט געגנט

**ראקעפעלער סטעיט פארק פרעזערוו**
די לעצטע אראפציילונג: סאולער עקליפס אפט געפרעגטע פראגעס און האנט-ארבעט!
זונטאג, מערץ 17, 2024, 2:00 נאכמיטאג - 3:00 נאכמיטאג

**ניו יארק סיטי**

**קלעי פּיט פּאנדס סטעיט פארק פּרעזערוו**
ארט אין די פארק: עקליפס קוקערס
שבת, מערץ 16, 2024, 1:00 נאכמיטאג - 3:00 נאכמיטאג

**פראנקלין ד. ראוזעוועלט פיר פרייהייטן סטעיט פארק**
ארט אין די פארק: עקליפס קוקערס
שבת, מערץ 16, 2024, 1:00 נאכמיטאג - 3:00 נאכמיטאג

**גאנטרי פלאזא סטעיט פארק**
עקליפס ארט אין די פארק
דאנערשטאג, מערץ 21, 2024, 3:00 נאכמיטאג - 4:30 נאכמיטאג

**מארשא פּ. דזשאנסאן סטעיט פארק**
ארט אין די פארק: עקליפס קוקערס
דאנערשטאג, מערץ 28, 2024, 3:00 נאכמיטאג - 4:30 נאכמיטאג

**שירלי טשיסהאלם סטעיט פארק**
ארט אין די פארק: מאכט אייער אייגענע עקליפּס קוקער!
שבת, מערץ 30, 2024, 1:00 נאכמיטאג - 3:00 נאכמיטאג

סאולער עקליפּס צוקוקונג פייערונג
מאנטאג, אפּריל 8, 2024, 2:00 נאכמיטאג - 4:00 נאכמיטאג

סאולער עקליפּס שפּאציר
מאנטאג, אפּריל 8, 2024, 2:00 נאכמיטאג - 4:00 נאכמיטאג

**ריווערבענק סטעיט פארק (דעני פארעל ריווערבענק סטעיט פארק)**
ארט אין די פארק: עקליפּס קוקערס
זונטאג, מערץ 10, 2024, 1:00 נאכמיטאג - 3:00 נאכמיטאג

**ראבערטא קלעמענט סטעיט פארק**
ארט אין די פארק: מאכט אייער אייגענע עקליפּס קוקער
זונטאג, מערץ 10, 2024, 11:00 אינדערפרי - 1:30 מיטאג

פאר די פולע ליסטע פון געשעענישן וואס וועלן פארקומען ביי סטעיט פארקס לענגאויס די וועג פון טאטאליטעט, באזוכט אונזער געשעענישן קאלענדער. פאר מער אינפארמאציע איבער די 2024 טאטאלע עקליפּס אין ניו יארק סטעיט, באזוכט https://www.iloveny.com/events/eclipse-2024/.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלעך פארטן און מער, וואס האבן געזעהן דורך א רעקארד-הויכע צאל פון 84 מיליאן באזוכן אין 2023. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאַונלאָודט די אומזיסטע NY State Parks Explorer עפּ אדער רופט 518.474.0456. שליסט זיך אן מיט אונז ביים פייערן אונזער הונדערטסטע יארטאג דורכאויס 2024, און פארבינדט זיך מיט אונז אויף Facebook, Instagram, X (וואס פלעגט הייסן Twitter), און אויף די OPRHP 'בלאָג'.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן